# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלה"נ ערב שבת הגדול..**7:13**
מוצאי יו"ט ראשון..........**8:47**

**שיעורים כסדרן (א' דפסח)**
נ"ך.........................ישעי' ל"ד-ל"ה
בבלי..............................מכות ה'
ירושלמי....................יבמות י"א
תוספתא..................כתובות ז'
רמב"ם....................מקוואות ט'


יום טוב פסח, שנת תשפ"ה לפ"ק
שנה 14, גליון 28 (696)


## אַ וָוארְט אוֹיף יוֹם טוֹב

פֶּסַח וֶוען דוּ זָאגְסְט הַלֵּל זָאלְסְטוּ זָאגְן אוֹיפְ'ן קוֹל, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ח): "עַל יְדֵי אֲמִירַת הַלֵּל בְּקוֹל גָּדוֹל", דוּרְךְ זָאגְן זֵייעֶר הוֹיךְ הַלֵּל, "זוֹכִים", אִיז מֶען זוֹכֶה, "לְאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ".

אוֹיךְ אִיז מֶען זוֹכֶה דוּרְךְ זָאגְן הַלֵּל צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע פַּיינְט. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת מְרִיבָה, סִימָן ח): "עַל יְדֵי קְרִיאַת הַלֵּל", דוּרְךְ זָאגְן הַלֵּל, "יוֹשִׁיעַ לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מֵאוֹיְבֶיךָ", וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר הֶעלְפְן פוּן דִי פַּיינְט; וַוייל דוּרְךְ זָאגְן הַלֵּל וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען שׁוֹין נִישְׁט גֶעשֶׁען קֵיין שְׁלֶעכְטְס. יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט פַּיינְט, בִּפְרַט דֶער גְרוֹיסֶער פַּיינְט דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס עֶר הָאט פַּיינְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶר ווִיל אִים נָאר צוּנֶעמֶען דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, אַזוֹי ווִי רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זַיין רוּחָנִיּוּת, עֶר ווִיל אִים צוּנֶעמֶען זַיין גַשְׁמִיּוּת - זַיין לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר ווִיל אִים הַרְגְ'עֶנֶען אִינְגַאנְצְן".

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת שָׂרִים, סִימָן ג): "אֲמִירַת הַלֵּל וּצְדָקָה מְסֻגָּלִין לְחֵן בְּעֵינֵי הַשָּׂר", אַז מֶען זָאגְט הַלֵּל בַּאקוּמְט מֶען חֵן; וַוייל וֶוען מֶען זָאגְט דִי פְּסוּקִים פוּן הַלֵּל וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט (תְּהִלִּים קיח, ו): "ה' לִי לֹא אִירָא, מַה יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, "טוֹב לַחֲסוֹת בַּה' מִבְּטֹחַ בָּאָדָם", עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, "דָּחֹה דְחִיתַנִי לִנְפֹּל, וַה' עֲזָרָנִי", מֶענְטְשְׁן ווִילְן מִיךְ אַוֶועק שְׁטוּפְּן, זֵיי זָאגְן אַז פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט מִיר.

אִיךְ קֶען דִיר שְׁרַייבְּן דֶעם גַאנְצְן הַלֵּל אָבֶּער עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס, נֶעם דוּ אַלֵיין דֶעם סִידוּר אוּן זָאג הַלֵּל מִיט אַ נִיגוּן; דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין לֶעבְּן, אוּן לָאז שׁוֹין אָפּ אַלֶע טַעֲנוֹת וּמַעֲנוֹת וָואס דוּ הָאסְט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז שׁוֹין צַייט אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן מִצְרַיִם; גְלֵייבּ מִיר, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶוערִיקֵייטְן, אוּן יֶעדֶער מֵיינְט אַז זַיין לֶעבְּן טוֹיג נִישְׁט, אָבֶּער בֶּאֱמֶת וֶוער וֵוייסְט נָאךְ אַזוֹי גוּט וָואס עֶס אִיז גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, וָואס עֶר טוּט אַלֶעס אוּן עֶר וֵוייסְט דָאס בֶּעסְטֶע וָואס אִיז גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ.

בַּיים סֵדֶר נַאכְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוֹיף וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, "מְקִימִי מֵעָפָר דָּל", עֶר הָאט מִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן בְּלָאטֶע, "מֵאַשְׁפֹּת יָרִים אֶבְיוֹן", וואוּ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען? וואוּ בִּין אִיךְ גֶעלֶעגְן? אִין דִי מִיסְט, אִין דִי טוּמְאָה, "לְהוֹשִׁיבִי עִם נְדִיבִים", הַיינְט בִּין אִיךְ זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן, זִיצְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי צַדִיקִים, "הַהֹפְכִי הַצּוּר", מַיין פַארְשְׁטֵיינֶערְטֶע הַארְץ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט "אֲגַם מָיִם" - צוּ תּוֹרָה וּתְפִילָּה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה)

## מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם

חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים קט"ז:) אַז יֶעדֶער אִיד, אִין יֶעדְן דוֹר, דַארְף זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַזוֹי ווִי עֶר אַלֵיין אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם. ווִי אַזוֹי קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן, ווִי אַזוֹי קֶען אַ אִיד שְׁפִּירְן הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַזוֹי ווִי עֶר אַלֵיין אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם?

וֶוען מֶען וֵוייסְט אָבֶּער וָואס עֶס מֵיינְט מִצְרַיִם, דַאן אִיז דֶער תֵּירוּץ זֵייעֶר פָּשׁוּט אוּן פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ. וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם, אִיז זֵייעֶר מוֹיל גֶעוֶוען אִין גָלוּת, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער דֶעם שְׁלֶעכְטְן פַּרְעֹה, וָואס אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "פֶּה רַע" - אַ שְׁלֶעכְטֶע מוֹיל. זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּיז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעשִׁיקְט דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵייעֶר אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אִיז נָאר צוּ עֶפֶענֶען דֶעם מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מִצְרַיִם, אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, וָואס אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "פֶּה סָח" - דִי מוֹיל הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י"ד, ב') "וְיָשֻׁבוּ וְיַחֲנוּ לִפְנֵי פִּי הַחִירֹת" זֵייעֶר מוֹיל אִיז אַרוֹיס אוֹיף דֶער פְרֵיי, זֵייעֶר מוֹיל אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען פַארְמַאכְט, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן דֶעם שְׁוֶוערְן גָלוּת מִצְרַיִם אוּן פוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט מִיךְ, הֱיוֹת עֶר גֵייט צוּ זַיין שְׁוֶוער אוֹיף יוֹם טוֹב, אוּן זַיין שְׁוֶוער זָאגְט לַאנְגֶע תּוֹרוֹת צִי עֶר קֶען זִיךְ מִיטְנֶעמֶען אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיּוֹת אוּן זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת, זָאג אִיךְ אִים, קוֹדֶם כָּל ווִיל אִיךְ זֶען ווִי אַזוֹי דוּ נוּצְט אוֹיס דִי צַייט, אוּן וֶוען אִינְגֶעלַייט זִיצְן אוּן שְׁמוּעֶסְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת זָאלְסְטוּ זִיצְן אִין דִי זַייט מִיט אַ מִשְׁנַיּוֹת, פְּלוּצְלִינְג בִּיסְטוּ גֶעוָוארְן אַ מַתְמִיד?! צְוֵייטְנְס דַארְף מֶען ווִיסְן, אַז וֶוען אַ טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע רֶעדְן - דַארְף מֶען זֵיי אוֹיסְהֶערְן אוּן נִישְׁט וַוייזְן כְּאִילוּ עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ נִישְׁט, אוּן דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ שְׁוֶוער, דָאס אִיז אַ מִצְוָה וָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר מְזַלְזֵל אִין דֶעם; וֶועסְטוּ זֶען בַּיי אַ שִׂמְחָה וֶוען אַ מְחוּתָּן זָאגְט אַ דְרָשָׁה, אַלֶע שְׁמוּעֶסְן, דֶער טַאטֶע רֶעדְט אוּן זַיינֶע קִינְדֶער לַאכְן אַרוּם, דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֲצְפָּה אוּן אַ זִלְזוּל אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

(סֵפֶר 'אוֹיסְגֶעלֵייזְט')

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, שַׁבָּת הַגָּדוֹל, ז׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פח) וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן "הֲפִיכַת הַשֻּׁלְחָן בְּשַׁבָּת הַגָּדוֹל"? מֶען זֶעט שַׁבָּת הַגָּדוֹל אִיז אִין אַלֶע שְׁטוּבֶּער אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, עֶס טוּט זִיךְ אַ בֶּהָלָה; זָאגְט דֶער רֶבִּי, דֶער טִישׁ וַוייזְט אוֹיפְ׳ן דִיבּוּר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל מא, כב): "וַיְדַבֵּר אֵלַי זֶה הַשֻּׁלְחָן אֲשֶׁר לִפְנֵי ה׳", וְוייל מֶען יֶעצְט וַוייזְן אַז יֶעצְט אִיז נָאךְ דֶער דִיבּוּר אִין גָלוּת, עֶס אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אָבֶּער אַז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, מִיר וֶועלְן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן פֶּה-סָח, דַאן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ גֶעהֶערִיגֶע טִישׁ אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם.

דָאס אִיז וִויכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקֶען, יֶעדֶעס מָאל עֶס וֶוערְט בֵּיי אֵיינֶעם ׳הֲפִיכַת הַשֻּׁלְחָן׳, עֶס וֶוערְט אִים אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט זַיין סֵדֶר הַיּוֹם, זַיין שְׁטוּבּ, זַיין פַּרְנָסָה, זַאכְן גֵייעֶן פַארְקֶערְט - דָאס אִיז אַלְץ וַוייל עֶס פֶעלְט דֶעם דִיבּוּר, מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶעלְט אַלֶעס אִין פְּלַאץ, עֶס אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, נִישְׁטָא קֵיין הֲפִיכַת הַשֻּׁלְחָן.

דֶעם בְּרִיוו שְׁרַייבּ אִיךְ פַאר עֶנְק אַלֶע, אָבֶּער עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ מֶער פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן בִּלְשׁוֹן נוֹכֵחַ:

טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, גֵיי יֶעצְט אִין אַ זַייט אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵויין צוּ אִים, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים. דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת בָּלָק, קצה.): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "**לָא בָּעִינָא הָכָא בֵּי דִינָא דִּידוּנוּן בֵּינָנָא**", אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה זָאל זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט מִיט זַיינֶע טַעֲנוֹת צוּ מִיר, "**אֲנָא וְהוּא בִּלְחוֹדָנָא**", נָאר אִיךְ וִויל זַיין אַלֵיינְס מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, "**וְלֵית תְּיאוּבְתָּא לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא כַּד מְקַבֵּל לוֹן וְאוֹשְׁדוּ קַמֵּיהּ**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קֵיין גְרֶעסֶערֶע פַארְגֶענִיגְן וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַאר אִים, "**דְּהָא כָּל נְטוּרֵי תַּרְעִין לָא שַׁבְקִין הָכִי לְמֵיעַל כַּמָּה דְשַׁבְקִין לְמִסְכְּנִין**", אַלֶע טִירְן פוּן הִימְל זֶענֶען אָפְן פַאר אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "**דְּהָא בְּלָא רְשׁוּתָא עָאלִין**", אוּן זַיינֶע תְּפִילוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אָן קֵיין רְשׁוּת; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין אַ וִוינְקְל וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר פַארְצֵיילְט אִים אַלֶעס - דִי תְּפִילוֹת גֵייעֶן גְלַייךְ אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט פַאר אַן אָרֶעמַאן שְׁנֶעלֶער וִוי עֶר עֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִיק.

דֶער זוֹהַר זָאגְט דָארְט וַוייטֶער אַז וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזֶען דִי חֲשִׁיבוּת פוּנֶעם אָרֶעמַאנְ׳ס תְּפִילָה הָאט עֶר אוֹיסְגֶעטוּן דִי בִּגְדֵי מַלְכוּת, זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים פו, א): "**תְּפִלָּה לְדָוִד, הַטֵּה ה׳ אָזְנְךָ עֲנֵנִי**", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אוּן הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, "**כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנִי**", וַוייל אִיךְ בִּין אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ.

פֶּסַח זָאלְט אִיר נִישְׁט מַאכְן קֵיין קִידוּשׁ אִין שׁוּל, מֶען מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

**אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן שַׁבָּת**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מְצוֹרָע תשפ"ב)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת מָמוֹן

**לה. כַּזַּיִת מָרוֹר שֶׁאוֹכְלִין בְּפֶסַח, מְסֻגָּל לְפַרְנָסָה. דִי כְּזַיִת מָרוֹר וָואס מֶען עֶסְט אוּם פֶּסַח, אִיז אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה.**

פֶּסַח וֶוען מֶען עֶסְט דִי כְּזַיִת מָרוֹר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה", וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט: "כַּזַּיִת מָרוֹר שֶׁאוֹכְלִין בְּפֶסַח, מְסֻגָּל לְפַרְנָסָה", דִי כְּזַיִת מָרוֹר וָואס מֶען עֶסְט פֶּסַח אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה. מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין, וָואס הָאט דִי כְּזַיִת מָרוֹר מִיט פַּרְנָסָה? אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ פָאר, וָואס עֶס וֶועט נָאר אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אֲפִילוּ אַלֶע מָרוֹר, אַלֶע בִּיטֶערְקֵייט פוּן דֶער וֶועלְט- ׳וֶועל אִיךְ נִישְׁט אָפְלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן נח), וֶוען מֶען וֶוערְט בְּכַּעַס - פַארְלִירְט מֶען דִי פַּרְנָסָה, אוּן אַז מֶען אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ ׳אֲפִילוּ עֶס וֶועט זַיין מְרִירוּת דִמְרִירוּת וֶועל אִיךְ נִישְׁט וֶוערְן בְּכַּעַס, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שׁוּם טַעֲנוֹת אוֹיף אִים׳ - דוּרְכְדֶעם וֶוערְט נִמְתַּק אַלֶע דִינִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תַזְרִיעַ תשפ"ד)

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט <<<<<<

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס שְׁפִּילְט זִיךְ אִיבֶּער אִין יֶעדְן דוֹר בַּיי יֶעדְן אִיד. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע אֵייגֶענֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט שְׁוֶועריְקֵייטְן בְּרוּחֲנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין פְּרִיוַואטֶע גָלוּת וֶוען עֶר אִיז אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער זַיינֶע בַּאגְרֶענִיצוּנְגֶען; בִּיז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען טְרֶעפְט אַן אֶמֶתְ׳ן צַדִיק וָואס קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אַז עֶר הָאט אַ וֶועג צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן זַיין גָלוּת, אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן דֶער וֶועג אִיז אַז עֶר זָאל עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיינֶע צָרוֹת, עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן אוּן אִים שִׁיקְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם, עֶר טְרֶעפְט אַ צַדִיק וָואס עֶפְנְט אִים דָאס מוֹיל אוּן מַאכְט אִים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזַא מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט טַאקֶע בֶּאֱמֶת אַז עֶר אַלֵיין אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, עֶר אִיז אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם.

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן פַאר דִי הַגָּדָה דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (פַּרְשַׁת בֹּא, מ:) "פִּקּוּדָא בָּתַר דָא", זָאגְט דָארְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר אַז עֶס לִיגְט אַ פְלִיכְט אוֹיפְ׳ן יֶעדְן מֶענְטְשׁ צוּ דֶערְצֵיילְן שְׁטֶענְדִיג דִי נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ נֵס, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ פְּרָאבְּלֶעם אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, דַארְף עֶר דָאס זִיכֶער דֶערְצֵיילְן אוּן מְפַרְסֵם זַיין פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אַזַא גְרוֹיסֶער נֵס אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס הָאט אִים גֶעעֶפְנְט דִי מוֹיל אַז עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אִים גֶעעֶפְנְט דִי מוֹיל אַז עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר הָאט אִים גֶעוִויזְן אַ וֶועג אַז אוֹיךְ עֶר קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג; אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער נֵס. וַוייל דָאס וֶועט אִים שׁוֹין אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס וֶועלְן אִים נָאר אוּנְטֶערְקוּמֶען אִין לוֹיף פוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. סַיי וָואס דֶער פְּרָאבְּלֶעם וֶועט נָאר זַיין, וֶועט עֶר וִויסְן דֶעם רִיכְטִיגְן אַדְרֶעס, עֶר וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועט עֶר אַלֶעמָאל זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן יֶעדֶע צָרָה.

אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז נָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז אוֹיבּ אִיז עֶר נָאכְנִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט וִוי דֶער גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיז עֶר נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּ זַיינֶע תְּפִלּוֹת. אַ מֶענְטְשׁ קְלֶערְט אַז נָאר וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין מַמָשׁ עֶק וֶועלְט, עֶר הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן, נָאר דֶעמָאלְט קֶען עֶר זִיךְ עֶרְשְׁט וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ

<<<<<<

<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

דֶעמָאלְט קֶען עֶר נִישְׁט סְתַּם אַזוֹי רֶעדְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אוֹיבּ עֶר וֶועט אוֹיסְזָאגְן גַּאנְץ תְּהִלִּים, נָאר דֶעמָאלְט הֵייסְט עֶס אֶמֶת'דִיג גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קוּמְט אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט יֶעדְן אִיד. נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי גְרוֹיס אָדֶער קְלֵיין מֶען אִיז, אַלְץ שְׁטֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְרֵייט אוֹיסְצוּהֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן יֶעדְן אִיד'ס מוֹיל. דֶער אִיד דַארְף פָּשׁוּט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע מַאמֶע לָשׁוֹן, דֶעם פְּרָאבְּלֶעם וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ אַ נָאנְטֶער גוּטֶער פְרַיינְד. דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַז עֶס זָאל בִּכְלַל קוּמֶען דִי צָרָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אִיז נָאר דֶערְפַאר וַוייל עֶר וִויל דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר וִויל אִים אוֹיפְוֶועקְן פוּן זַיין שְׁלָאף, עֶר וִויל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שׁוֹין עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה. אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז נָאר אוֹיבּ עֶר פַארְשְׁטֵייט אוּן קֶען לֶערְנֶען זֵייעֶר טִיף אוּן בְּעִיּוּן, נָאר דֶעמָאלְט אִיז עֶס חָשׁוּב, נָאר דַאן אִיז עֶס עֶפֶּעס וֶוערְד; אוֹיבּ אָבֶּער קֶען עֶר נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹי טִיף, עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, דַאן אִיז דִי תּוֹרָה נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אִים, עֶר קֶען נִישְׁט אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין תּוֹרָה. אוּן אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער טֶעג אוּן וָואכְן, חֳדָשִׁים אוּן יָארְן, וָואס דֶער מֶענְטְשׁ עֶפְנְט נִישְׁט אוֹיף קַיין אִידִישׁ סֵפֶר, אוּן דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ פּוּסְט אוּן לֵיידִיג, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם סִפּוּק אִין לֶעבְּן.

קוּמְט אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע"ו) אוּן לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַ "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד", אַ וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג. אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין צַייט, קַיין כֹּחַ אוּן מֹחַ, צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין; זָאל עֶר אוֹיךְ וַוייטֶער לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה. עֶר זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, אוּן אֲפִילוּ עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר דִי מִצְוָה פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אַזוֹי טוּן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז צוּם סוֹף וֶועט עֶר פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, דַאנְקֶען מִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם. אָבֶּער נִישְׁט נָאר אוֹיף דִי יְצִיאַת מִצְרַיִם פוּן דֶעמָאלְט, נָאר אוֹיךְ אוֹיף דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ צַדִּיק וָואס קֶען אוּנְז הַיינְט אוֹיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אוּנְזֶער מִצְרַיִם. אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דֶעמָאלְט גֶעעֶפְנְט דֶעם מוֹיל פוּן דִי אִידְן אוּן זֵיי צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז מִיר הָאבְּן אַ צַדִּיק וָואס לֶערְנְט אוּנְז דָאס אוֹיס. (קוּנְטְרֵס אַ כָּשֵׁר'ן פֶּסַח)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




# וָואס אִיז דִי יְסוֹד פוּן הַצְלָחָה אִין אַ נֵייעֶ בִּיזְנֶעס?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הֶער אוּן אִיךְ לֵיין אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בַּאלֶעק זִיךְ מַמָּשׁ מִיט יֶעדֶעס וָוארְט, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

אִיךְ הַאלְט יֶעצְט אִינְמִיטְן עֶפֶענֶען אַ נֵייעֶ בִּיזְנֶעס, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אַן עֵצָה אוּן אַ בְּרָכָה. וָואס אִיז דִי יְסוֹד צוּ הַצְלָחָה?

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר בִּיטֶע זָאגְן וָואס צוּ טוּן, אוּן בִּיטֶע נִישְׁט צוּ שְׁוֶוערֶע זַאכְן, וַוייל אִיךְ וִויל עֶס קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ח' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי שְׁטַארְק מִיט דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: "וֶוער עֶס דַאוֶונְט מִיט מִנְיָן - וֶועט הָאבְּן אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן", עֶר וֶועט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

רֶעד נִישְׁט קֵיין נִיבּוּל פֶּה, רֶעד אֵיידְל צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְנִיעוּת, סִימָן סד): "הַצְּנִיעוּת מְסֻגָּל לַעֲשִׁירוּת", זִיךְ פִירְן אֵיידְל, רֶעדְן אֵיידְל - אִיז מְסוּגָּל פַאר עֲשִׁירוּת.

זָאלְסְט בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער, דָאס אִיז מְסוּגָּל פַאר פַּרְנָסָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צוּ תשפ"ה)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (ר)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן גְלוּסְט זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, עֶר הָאט אָבֶּער פִילֶע מְנִיעוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אִיבֶּער דֶעם.**

יֶעדֶער אִיז גֶעוֶוען בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, זַיין וַוייבּ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט, אוּן וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן זַיין שְׁוֶוער, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֵּייזֶערְט אוֹיף אִים אוּן אִים גֶעוָואלְט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן פָארְן, אוּן זַיין שְׁוִוגֶער אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט וִוי אַזוֹי רֶבִּי נָתָן וַואגְט זִיךְ צוּ טוּן אַזַא זַאךְ אַוֶועקְצוּפָארְן אִין אַזַא צַייט; רֶבִּי נָתָן הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיין שׁוּם זַאךְ, זַיין הַארְץ הָאט נָאר גֶעבֶּענְקְט אוּן גֶעשְׁטְרֶעבְּט צוּ קֶענֶען נָאכְאַמָאל גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

עֶר הָאט גְלַייךְ צוּזַאמְגֶעפַּאקְט זַיינֶע זַאכְן אוּן עֶר אִיז אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אִין טַאשׁ קֵיין אֵיין פְּרוּטָה, עֶר אִיז אַרוֹיס אוּן הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְן זַיינֶע אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "טַאטֶע אִין הִימְל, הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר! הֶעלְף מִיר!", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גְלַייךְ צוּגֶעשִׁיקְט צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים גֶעבָּארְגְט גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעזְן צוּ קֶענֶען פָארְן בִּיז'ן שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גְלַייךְ אַהִינְגֶעפָארְן, אוּן דָארְט הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ וָואגְן וָואס פָארְט קֵיין בְּרֶסְלֶב, וָואס דֶער וָואגְן הָאט סַיי וִוי גֶעדַארְפְט צוּרִיק פָארְן אוּן דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אִים גֶענוּמֶען אוּמְזִיסְט, אוּן אַזוֹי אִיז דִי גַאנְצֶע רֵייזֶע צוּגֶעגַאנְגֶען מִיט גֶעוַואלְדִיגֶע נִיסִים אוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אַלֶעס אִיז גֶעשֶׁעְן אַזוֹי פְלוּצְלִינְג.

רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעיָאגְט, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גַאנְץ נָאנְט צוּ יוֹם טוֹב, עֶר הָאט נָאךְ גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען בַּאצַייטְנְס קֵיין בְּרֶסְלֶב צוּ קֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְשְׁטֶעלְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן דָארְט אוּן פָארְן מִיט זֵיי אִינְאֵיינֶעם קֵיין זַאסְלַאב.

דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מְנִיעוֹת אוּן גֶעוַואלְדִיגֶע סְפֵיקוֹת וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז דֶעמָאלְט אַרִיבֶּער קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן, אָבֶּער מִיט זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע גְלוּסְט אוּן בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַלֶעס צוּ צֶעבְּרֶעכְן אוּן אִיבֶּערְקוּמֶען.

אַזוֹי גֵייט עֶס אַלֶעמָאל, אַזוֹי פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וַוייל פַאקְטִישׁ זֶענֶען אַלֶע מְנִיעוֹת נָאר אִינֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, כָאטְשׁ וָואס עֶס זֶעט אוֹיס פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט בֶּאֱמֶת גְרוֹיסֶע אוּן שְׁטַארְקֶע מְנִיעוֹת וָואס מֶען קֶען נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, אִיז אָבֶּער דֶער אֱמֶת אַז אַלֶעס אִיז נָאר אִין מֹחַ, אוּן אוֹיבּ וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט חֵשֶׁק אוּן רָצוֹן, עֶר וֶועט בֶּאֱמֶת גְלוּסְטְן אוּן וֶועלְן אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַ גוּטֶע אוּן הֵיילִיגֶע זַאךְ, וֶועט עֶר זִיכֶער אַלֶעס אִיבֶּערְקוּמֶען אוּן מַצְלִיחַ זַיין, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת ק"ד.) "הַבָּא לִיטָּהֵר

<<<<<

מְסַיְּעִין לוֹ", וֶוער עֶס ווִיל זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג, הֶעלְפְט מֶען אִים פוּן הִימְל.

**תרעה**

דָאנֶערְשְׁטָאג, כ"ז אִיָּר, צְוֶועלְף אַזֵייגֶער מִיטָאג, אִיז רֶבִּי נָתָן אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין שְׁוֶוער'ס הוֹיז אִין מָאהְלוּב, אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת קֵיין בְּרֶסְלֶב, וַוייל גְלַייךְ נָאךְ שַׁבָּת וֶועלְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פָּארְן פוּן שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט מִיטְפָארְן מִיט זֵיי אִינְאֵיינֶעם.

עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט וָואס צוּ טוּן, וַוייל דִי וָואגְן וָואס עֶר הָאט גֶעדִינְגֶען אִין מָאהְלוּב, פָּארְט נָאר בִּיז נֶעמִירוֹב, אוּן וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען אִין נֶעמִירוֹב נָאךְ גֶענוּג פְרִי אוּם פְרַייטָאג אַז עֶר זָאל נָאךְ קֶענֶען פָּארְן פוּן דָארְט קֵיין בְּרֶסְלֶב צוּ זַיין דָארְט אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ זַיין טַאטֶע וֶועט אִים נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן דָארְט אִין נֶעמִירוֹב, וַוייל עֶר אִיז דָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט מַסְכִּים צוּ גַאנְצֶע רֵייזֶע, אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז עֶר קוּמְט דָארְט אָן אַזוֹי פְלוּצְלִינְג פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג אוּן עֶר ווִיל שׁוֹין פָּארְן וַוייטֶער, וֶועט עֶר דָאךְ זִיכֶער זִיךְ זֵייעֶר בֵּייזֶערְן.

דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעהָאפְט אַז דֶער בַּעַל עֲגָלָה וֶועט זִיךְ צוּאַיילְן אוּן מַאכְן שְׁנֶעל דֶעם וֶועג, אַזוֹי אַז עֶר זָאל אָנְקוּמֶען נָאנְט צוּ נֶעמִירוֹב, אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען זוּכְן אַ וָואגְן אוֹיפְ'ן וֶועג וָואס זָאל אִים טְרָאגְן קֵיין בְּרֶסְלֶב, וַוייל אִינְדְרוֹיסְן נָאנְט צוּם שְׁטָאט נֶעמִירוֹב קֶען מֶען כַאפְּן אַ וֶועג גְלַייךְ קֵיין בְּרֶסְלֶב, אָן צוּ דַארְפְן אַרַיינְגֵיין אִין נֶעמִירוֹב אוּן בַּאגֶעגֶענֶען זַיין טַאטֶע.

אָבֶּער גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיפְ'ן וָואגְן אוּן עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן מָאהְלוּב, הָאט זִיךְ ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מְנִיעוֹת, אַזוֹי ווִי מֶען הָאט אֵייבִּיג גֶעזֶען אַז וֶוען מֶען אִיז גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן אִיז אַלְץ גֶעוֶוען שְׁטֶערוּנְגֶען פוּנֶעם בַּעַל עֲגָלָה, פוּן דִי פֶערְד, פוּנֶעם וָואגְן, פוּן דִי רֶעדֶער, פוּן דִי שְׁטְרִיק אוּן אַלֶע אִיבְּרִיגֶע צוּגֶעהֶער, וֶוען עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעגֶענֶען, גִיסְן, בְּלָאטֶע, מַארַאסְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין אֵיין רֵייזֶע צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן וָואס זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְשְׁטוֹיסְן אִין דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען.

**תרעו**

בַּיים אַרוֹיסְפָארְן מִיטְ'ן וָואגְן פוּן מָאהְלוּב, וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען ווִי שְׁנֶעלֶער, הָאט עֶר גְלַייךְ בַּאמֶערְקְט אַז דֶער בַּעַל עֲגָלָה פִירְט אַ גְרוֹיסְן וָואגְן, אָבֶּער נָאר מִיט צְוֵויי פֶערְד. אוּן ווִי בַּאקַאנְט קֶענֶען דִי גְרוֹיסֶע סָארְט וֶועגֶענֶער נִישְׁט פָארְן צוּ שְׁנֶעל נָאר מִיט פִיר פֶערְד, אָדֶער כָאטְשׁ דְרַיי.

עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם קוּטְשֶׁער פַארְוָואס עֶר הָאט נָאר צְוֵויי פֶערְד, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט אַז אֵיין פֶערְד אִיז אִים קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֶער, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט יֶענֶעם פֶערְד אוּמְגֶעפֶער אַ פַּרְסָה אוּן אַ הַאלְבּ פוּן דָארְט, אוּן דֶערִיבֶּער פָּארְט עֶר טַאקֶע זֵייעֶר שְׁטַייט, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג וֶועט עֶר זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן נָאכְאַמָאל אִין יֶענֶעם דָארְף אוּן זֶען וָואס דִי פֶערְד מַאכְט.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אַ רֶעגְן, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ דִי וָואגְן גֶעשְׁלֶעפְּט זֵייעֶר צוּשְׁטַייטְלִיךְ, בִּיז מֶען אִיז עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם דָארְף ווִי עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי פֶערְד, אוּן דָארְט אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז דִי פֶערְד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן.

דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר פוּן דֶעם, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן אוּן מַאכְן חֶשְׁבּוֹנוֹת וָואס צוּ טוּן מִיט דִי הוֹיט פוּנֶעם טוֹיטְן פֶערְד, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן דָאס הָאט וַוייטֶער אוֹיפְגֶעהַאלְטְן דִי רֵייזֶע פַאר נָאךְ לֶענְגֶער. אוּן אִינְצְוִוישְׁן אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעזֶעסְן ווִי אוֹיף שְׁפִּילְקֶעס, אוּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעעֶגְבֶּערְט פַארְוָואס דִי וֶועג נֶעמְט אַזוֹי לַאנְג.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# פְרֵיילִיכֶע מַצוֹת, פְרֵיילִיכֶע מִצְוֹות

דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (הוּבָא בִּבְאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים סִימָן תמז, סָעִיף קָטָן א): "הַנִּזְהָר מִמַּשֶּׁהוּ חָמֵץ מוּבְטָח שֶׁלֹּא יֶחֱטָא כָּל הַשָּׁנָה", וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח, וֶועט אַ גַאנְץ יָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; אַלֶע פְרֶעגְן, וָואס אִיז פְּשַׁט אַז מֶען פַאלְט יָא אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת? מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט פְּשַׁט, דֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט אַז וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח אוּן עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיט דֶעם, עֶר הָאט חַיּוּת פוּן דֶעם אַז עֶר עֶסְט נִישְׁט קֵיין חָמֵץ, דֶער וֶועט אַ גַאנְץ יָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מִצְוָה וֶועט אִים הִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז גָאר אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ פַאסְטְן מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת ווִי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה אִיז דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ אוּן דוּ בִּיסְט אַלֶעס, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער דִיר, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר, אַלֶעס בִּיסְטוּ".

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹות, אִיךְ זָאל מִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַצוֹת אִיךְ זָאל מִיךְ פְרֵייעֶן מִיט שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן קֵיין אֵיין רֶגַע פוּן דִיר, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט מַאכְן, גָארְנִישְׁט טוּן – נָאר דוּ אַלֵיין מַאכְסְט אַלֶעס".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תשפ"ה)

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **משולם פייש פעלבערבוים** הי"ו קרית ברסלב
צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב
החתן **שלום אלי'** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **משה אהרן שפילמאן** הי"ו וויליאמסבורג

***

מו"ה **אשר לעמל זוסמאן** הי"ו קרית ברסלב
צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב
החתן **בנימין זאב** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **שמחה סאלז** הי"ו קרית ברסלב

***

מו"ה **יצחק שמואל פרענקל** שליט"א ירושלים עיה"ק
גבאי ביהמ"ד "היכל הקודש" ברסלב ירושלים עיה"ק
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **לייב ראטה** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יעקב היילפרין** הי"ו סטעטן איילענד
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **אליעזר שטרויס** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **שלמה מינצבערג** הי"ו בית שמש
צו די אפשערן פון זיין זון **נחמן דוד** נ"י למזל טוב


## שיר השירים

**די הארציגע פסוקים פון שיר השירים,
פארגעלערנט בטוב טעם ודעת מיט טעם
און געשמאק, לכבוד יום טוב**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 6, 4**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,
קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים,
סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעססעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >